בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ד

יו"ל: י"ח תמוז ה'תשפ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

אויבן אז מען הערט מיינעם א דיבור...
אינגאנצן מיין חיות
אשרי מי שעמלו בתורה
געדאווונט מיט אלע כוחות
מסירת נפשביים דאווענען
א בדיעבד איז נישט קיין לכתחילה
פנה אל תפילת הערער
"במאי עסקיתו?"
נישט קיין סמאָלע פארקויפער
מיין מענדאל!
דעם רבי'נס זאך דארף מסירת נפש
אויסגעהיילט דעם קראנקן
ברודערל מיינס, וואס מאכסטו?
געדענק דו ביסט א 'מת'!
מען רעדט פונעם רבי'ן
אפגעטייטשט יעדעס ווארט
אסֹף אסיפם
"דע, שיש קבלה בידי"
מען דארף זיין שטארק!

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #104

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב,
נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# שיעור פרשת ויחי
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 122#)

## אויבן אז מען הערט מיינעם א דיבור...

(ההתחלה חסרה, מדברים אודות רבי נפתלי זצ"ל, שבתחילת התקרבותו לרבינו זצ"ל ראה בחלום שבא אליו אחד -) **א נשמה פון עולם העליון** (וואס האט אים געבעטן) **ער זאל אים נאכזאגן עפעס א ווארט פון רבי'ן. נישט צו לאנג** (פאר דעם) **האט ער געהערט פונעם רבי'ן דער תורה** (סי' ט' בליקוטי מוהר"ן)**, האט ער נאכגעזאגט דער טייטש וואס דער רבי זאגט דארט**[א]**: אז "דאס עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה"**[ב].

**"תפילה לא-ל חיי" - איז דער פשט** (- ע"פ פשטות)**: איך בעט צו מיין לעבעדיגער גאט. אבער דער רבי טייטשט: "'תפילה לא-ל חיי' – דאס איז אינגאנצן מיין חיות!"**

---

[א] וזל"ש: "כי **עיקר החיות מקבלין מהתפילה**, כמו שכתוב (תהלים מ"ב): **"תפילה לאל חיי". ובשביל זה צריך להתפלל בכל כוחו, כי כשמתפלל בכל כוחו ומכניס כוחו באותיות התפילה, אזי נתחדש כוחו שם**, בבחינת (איכה ג): "חדשים לבקרים (רבה אמונתך") וכו'. כי אמונה היא תפילה, כמו שכתוב (שמות י"ז): "ויהי ידיו אמונה", תרגומו: 'פרישן בצלו'".

[ב] הועתק בספר השתפכות הנפש את נ', בד"ה: "אגב אורחא אעתיק" וכו'. ומספר שם להלן, "ובשמעו זאת נתלהב מאד בהתלהבות עצום ונשגב ובתשוקה עצומה ונשגבה; ומגודל התלהבותו ותשוקתו הרים עצמו האיש מהעולם העליון למעלה למעלה, עד שנעלם מאתו. ואח"כ בא הרב נפתלי זצ"ל לאדמו"ר זצ"ל, ויספר לו את מראה החלום הזה; ענה ואמר לו אדמו"ר זצ"ל: **"וכי אתם סבורים אשר גם בעולם העליון שומעים את דברי תורתי כשמעכם כאן? לא כן היא, שם כששומעין איזה דיבור משמי הוא ענין אחר לגמרי!"**

- און אז ער (הנשמה הנ"ל) האט דאס געהערט, איז ער ארויף אויבן אין הימל (למעלה למעלה) פאר גרויס דביקות. נאכדעם האט רבי נפתלי דאס דערציילט דעם רבי'ן. **זאגט דער רבי: "וואס דען - אזוי ווי ביי איר? אויבן אז מען הערט מיינעם א דיבור איז גאר עפעס אנדערש!".**

❖

## אינגאנצן מיין חיות

דער טייטש אליין איז א געוואלדיגער טייטש: "חיי" – אינגאנצן מיין חיות איז, "תפילה לא-ל" - דאס עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה!

מען מיינט אלץ - דאס עיקר חיות אין אידישקייט! (כאטש) דער רבי וועט זאגן ווייטער - אז 'זיווגים' איז פון תפילה, 'מזונות' איז פון תפילה, די אלע 'עשבים' וואקסן אלץ פון דער כוח פון תפילה - (אויב אזוי) קען מען דאך פראסט טייטשן, אז 'דער עיקר חיות איז אלץ נאר דורך תפילה' – אז 'אלץ וואקסט דורך תפילה'. אבער דער עיקר, ווייזט אוים פון דאנעט, איז ברוחניות – 'דער עיקר חיות ('ברוחניות') איז מען מקבל פון תפילה'!

"ובשביל זה" - זאגט דער רבי, "דארף מען דאווענען בכל כוחו" - מיטן גאנצן כוח, "ווארום אז ער דאוונט 'בכל כוחו' און ער נעמט אריין זיין כוח אין די אותיות התפילה - 'אזי נתחדש כוחו שם'".

אסאך מאל איז פארהאנען א מענטש וואס ער האט מורא, אויב ער דארף דאווענען מיט אלע כוחות - וואו וועט ער נעמען כוח? אז ער וועט אוועקגעבן די כוחות וועט דאך אים נישט בלייבן קיין כוח. דער רבי זאגט אבער: עס ווערט באנייט דער כוח! - מען מאכט אים א חילוף: אז ער גיט אוועק דעם אויבערשטן דעם כוח וואס ער האט - גיט אים דער אויבערשטער א נייעם כוח! און דער נייער כוח וואס מען גיט אים איז נאך שטארקער פון פריער; אז מען גיט דעם אויבערשטן אוועק -

גיט דער אויבערשטער אפ 'בכפלי כפלים' - ער גיט אפ מערער! "נתחדש כוחו שם" - זאגט דער רבי.

אז ער איז מתפלל 'בכל כוחו' - ער דאוונט מיטן גאנצן כוח, ער לייגט אריין דעם כוח אין די אותיות התפילה, גיט ער דאך אוועק אינגאנצן דעם כוח, בלייבט ער דאך אן כוח. זאגט דער רבי - דער כוח ווערט באנייט, עס איז א נייער כוח!

❖

## אשרי מי שעמלו בתורה

מען זעהט טאקע אזוי - מען מאכט דאך א ברכה "הנותן לְיָעֵף כוח". בפַּשטות, אז עס קומט אויף דער נאכט, ווערט א מענטש מיד - די אויגן פאלן צו, ער קען שוין נישט רעדן - אזוי ווי דער שטייגער איז. אבער אז דער אויבערשטער גיט 'ליעֵף כוח' - ער שטייט אויף אינדערפרי, פריש, געזונט - האט ער שוין א נייעם כוח, דערפאר מאך איך די ברכה 'הנותן ליעף כוח'.

יעדער איינער איז דאך א 'יעף', אפילו דער 'פרייער' אז עס קומט אויף דער נאכט ווערט ער מיד; נישט נאר דער וואס ער דאוונט און לערנט ווערט מיד - דער וואס טוט אן עבירה ווערט אויך מיד. אבער אז דער יָעף איז א יָעף פון תורה ותפילה - אז דערפאר איז ער א יָעֵף, איז עפעס אנדערש, [אויף דעם זאגט די גמרא[ג]:] "אשרי מי שעמלו בתורה!". "אדם לעָמל יולד"[ד] - א מענטש איז געבוירן געווארן "לעָמל" - א מענטש מוז הארעווען, נאר "אשרי מי שעמלו בתורה" - וואויל איז דעם 'שעמלו בתורה'[ה].

---

[ג] סנהדרין צט ע"ב.

[ד] איוב ה, ז.

[ה] עי' מדרש רבה בראשית פר' י"ג, פס' ז'.

דאס איז אויך דאס אייגענע, א מענטש ווערט מיד - יעדער איינער ווערט מיד – דער נאטור איז דאך אזוי, נאר וואויל איז דעם וואס ער ווערט מיד דורך 'תורה ותפילה'. דער אויבערשטער גיט דאך פאר יעדן איינעם כוח, נאר וואויל איז דער וואס איז מיד געווארן דורך תורה ותפילה. "לעמ"ל" - ברענגט דער מהרש"א[1], איז "ל'למוד ע'ל מ'נת ל'למד". (מען קען אויך זאגן:) "ל'למוד ע'ל מ'נת ל'עשות". דער מענטש איז געבוירן געווארן אויף 'עָמל' - אויף צו הארעווען, נאר "אשרי מי שעמלו בתורה". וויבאלד ער איז געבוירן געווארן צוליב עָמל - וועט אים דאס נישט פעלן, ער מוז האבן דעם עָמל. נאר וואס דען? 'אשרי מי שעמלו בתורה'!

אז מען טוהט זיך ארײנלייגן אין די אותיות התפילה, ווערט דארט באנייט דער כוח! ער דארף נישט קיין מורא האבן! אז ער וועט דאווענען מיט כוחות וועט ער ווערן באנייט, ער וועט נאך האבן א שענערן כוח פון פריער. אז מען גיט דעם אויבערשטן אוועק א זאך - צאלט אפ דער אויבערשטער מערער ווי מען גיט אים. און וואס קען (שוין) דער מענטש געבן אז דער אויבערשטער גיט דאך אפ מערער?!

❖

"בבחינת 'חדשים לבקרים רבה אמונתך' וכו'" (שם בתורה). עס קומט פון דאנעט אוים, אז אין אלע פרי מארגן ווערט מען באנייט. פארוואס טאקע אזוי? ווייל עס איז גאר א נייע תפילה, א נייער דאווענען. כאטש מען דאוונט מנחה מעריב אויך (- וא"כ למה חֳדָשים 'לַבקרים' דייקא?), אבער דער עיקר איז דאך דער אנהויב טאג - ווען עס קומט דער בוקר, 'בוקר דאברהם'[2], דער עיקר איז טאקע דער אינדערפרי – (און נאך דערצו אז) "א נאכט" איז דא פריער!

---

[1] מהרש"א שם בסנהדרין: "אי נמי שעומל ומלמדה לאחרים כדלעיל. **והרמז שמעתי בזה במילת לעמ"ל שהוא ר"ת ל'למוד ע'ל מ'נת ל'למד"**.

[2] תיקוני זוהר דף ע"א ע"א.

פארוואס זאגט די גמרא[ח] "הוי זהיר בתפילת המנחה"? ווייל מנחה איז נאך א טאג - נאך טירדות, דערפאר דארף מען א 'זהיר'. אבער שחרית איז דאך נאך א נאכט, איז דאך גרינגער; 'שחרית' איז דאך נאך אן אויסגערוהטע נאכט, ביינאכט איז דאך נישטא קיין טירדות - צו ער שלאפט, צו ער טוהט עפעס - אויף דער נאכט איז דאך נישטא קיין טירדות, איז דער עבודה פון שחרית אוודאי מערער ווי דער עבודה פון מנחה מעריב.

❖

## געדאוונט מיט אלע כוחות

איך האב געקענט אלטע אידן פון אכציג יאר(!) וואס זיי האבן געדאוונט מיט גרויסע כוחות אלע טאג. היינט איז ביי א אינגערמאן אויך נישט שכיח ער זאל אוועקגעבן אלע כוחות ביים דאווענען... איך האב געקענט אלטע אידן – זיי האבן געדאוונט מיט כוחות, זיי האבן אריינגעלייגט די כוחות אין דאווענען. פארוואס? ווייל ער האט געגלויבט דעם רבי'ן. - דער רבי זאגט דא, אז דארטן (בתפילה) ווערט נתחדש דער כוח, דער כוח ווערט באנייט - און אן אלטער איד דארף דאך אויך האבן א נייעם כוח - ער איז דאך אן אלטער איד; אז ער האט אוועקגעגעבן דער כוח פארן אויבערשטן אין דאווענען, איז געווארן באנייט דער כוח.

(השואל: ווער? ר' אייזיק?) וועמען מיינסטו - ר' אייזיק קראסינשטיין[ט]? (השואל: ר' אייזיקל פון אומאן!) ניין - איך מיין נישט אים, ער פלעגט דאך נישט קומען אין שול אריין א גאנץ יאר כמעט, ער פלעגט קומען נאר ימים טובים, ער האט געוואוינט אין דער ניי-שטאט.

---

[ח] ברכות ו:

[ט] ר' אייזיק קראסינשטיין. אביו: ר' נחמן בן רבי משה העניע'ס היה חתנו של ר' אהרן הרב דברסלב. חתנו של ר' אברהם ציפורה'ס. נפטר בשנת תרצ"ו.

(ר' נחמן בורשטיין: איר האט געקענט אלטע אידן וואס האבן געשריגן ביים דאווענען?) איך זאג נישט זיי האבן געשריגן, נאר זיי האבן געדאווענט מיט אלע כוחות. עס איז געווען ר' דוד צבי דאשיוווסקע - ר' דוד הערש[י], ער האט דאך נאך געקענט רבי נתן'ען. ער פלעגט נאכזאגן אן הלכה פון ליקוטי הלכות אויסעוויינינג מיטן לשון.

ר' משה שמואל (לעווין, מאנ"ש באומן שנשלחו) איז אמאל צוגעגאנגען צו ר' געצען און זאגט אים: "ר' געצע, איך הער נישט דא רבי ישעי'לע ראחובער'ס דאווענען!".

- רבי ישעי'לע ראחובער איז געווען דער בעל 'מסגרת השלחן', ער האט געהייסן רבי ישעי'לע ראחובער, עס איז א שטעטל דארטן, ער איז געווען דארט רב.

(ר' נחמן: ער האט געמאכט דעם סידור "ישועות ישראל"![יא]) יא יא - דער 'מסגרת'. ער איז א גדול געווען, ער ליגט אויפן הר הזיתים[יב].

דער רבי ישעי'לע ראחובער פלעגט דאווענען זייער געשמאק, ער איז געווען א רב אין א קליין שטעטל אין פוילן - אַן ארימאן. די גרויסע ערליכע אידן האבן נישט געוואלט זיין רבנים אין גרויסע שטעט. ער איז געווען דער שווער פון דעם וואס איז געווען ביי אונז דער קַבלן (- קאָנטראַקטער) ווען מען האט געבויעט דער שול אונטן (היכן שנמצא כיום 'הכולל') - אויבן האט ער שוין נישט געלעבט, ער האט געהייסן בערנשטיין, ער איז געווען זיינער אן איידעם].

---

[י] נולד בשנת תקצ"ג לאביו רבי יונה נכד רבי יודל מדאשוב מגדולי תלמידי רביז"ל. מכונה גם ר' דוד צבי מדימיטריוווקע ע"ש עיר מגוריו ליד טשעהרין. זקן אנ"ש באומאן. ביקר בארה"ק בשנת תרמ"ג. נפטר אור לי"ט תשרי, אחרי הילולת רביז"ל בשנת תרע"ג.

[יא] הסידור בנוי על פי סידור הרַב, וסידור היעב"ץ, וסידור שער השמים, סידור תפילה למשה, דרך החיים, סידור נהורא, בנוסף לפסקי הלכות ועניני קבלה, ועוד.

[יב] שמו המלא רבי חיים ישעיה הכהן הלברסברג זצ"ל. חיבר ספרים הרבה, את ספרו המפורסם "מסגרת השולחן" חיבר בהיותו בגיל 27. היה דבוק להרה"ק המגיד מטריסק, ולהגה"ק מאוסטרובצא, ולהרה"ק רבי צדוק מלובלין. עלה לארה"ק בשנת תרס"ז. נסתלק בשנת תר"ע.

- (ור' משה שמואל פנה לר' געצע:) 'איך הער נישט דא רבי ישעי'לע ראחובער'ס דאווענען!' - ער האט גע'שם'ט מיט זיין דאווענען.

האט אים ר' געצע אזוי געזאגט: "זעץ זיך אוועק לעבן ר' דוד הערש'ן - זעה ווי ער דאוונט, נאר ער זאל נישט באמערקן אז דו זיצט, אז יא וועט נישט טויגן - און הער זיך איין ווי אזוי ער דאוונט". ער איז אן אלטער איד געווען, ער איז אלט געווען נאך די אכציג יאר.

האט ער אזוי געטוהן. איך האב דאך אים שוין נישט געקענט (- ר' דוד הערש'ן) - ר' משה שמואל האט מיר דאס שוין דערציילט - ווי ר' דוד הערש מיטן טלית איבערן קאפ האט זיך אזוי געשאקלט, מיט אזא מין דביקות האט ער געדאוונט, מיט אזא מין דביקות! אזוי, שטיל. האט ער געזאגט ר' געצען: "אה, (אפילו) רבי ישעי'לע ראחובער דאוונט נישט אזוי".

❖

## מסירת נפש ביים דאווענען

דער ענין וואס דער רבי זאגט 'בכל כוחו' - 'כוח' איז טייטש 'כוונתו'. 'בכל כוחו' מיינט, 'בכל כוונתו'[יג]. נאר וואס דען, אויף אריינצולייגן די כוחות אין דאווענען דארף מען האבן מסירת נפש; אריינצונעמען די כוונה אין דאווענען אריין ווען עס

---

[יג] עי' רש"י שבת קי"ט ע"ב, ד"ה "בכל כוחו". ועי' בשיחות הר"ן סי' ס"ו, וזל"ש: "**הזהיר מאד כמה פעמים להתפלל בכח גדול להכניס כל כוחו בדיבורי התפילה** וכמבואר מזה בספריו הקדושים בכמה מקומות. ואמר כמה פעמים שהאדם צריך להכריח עצמו מאד לתפילה, לא כמו שאומרים קצת שאין להכריח עצמו לתפילה, רק אדרבא צריכין להכריח עצמו מאד מאד בכל הכוחות לתפילה. שוב אמר: כשאדם מתפלל בכוונה דהיינו שמקשר המחשבה אל הדיבור ומטה אזנו ושומע מה שהוא מדבר אזי הכוחות נמשכין ממילא לתוך דיבורי התפילה. כי כל הכוחות מצפין ומסתכלין תמיד על זה שיומשכו ויוכנסו בתוך דיבורים קדושים. על כן **כשמתפלל בכוונה נמשכין ונכנסין כל הכוחות שלו ממילא לתוך התפילה וזוכה להתפלל בכוח גדול** אף על פי שאינו מכריח עצמו לזה, כי הכוחות נמשכין ממילא לתוך דיבורי התפילה כשמתפלל בכוונה".

פארלייגט זיך דארטן אנדערע געדאנקען – דארף מען האבן מסירת נפש! עס איז ממש מסירת נפש. "אליך ה' נפשי אשא", זאגט רש"י: "לבי אכוין"[יד].

דער רבי ברענגט עס דארט אין א תורה, אז דאס איז מסירת נפש: "איך האב געהערט פאר א דבר פשוט אז מען דארף האבן מסירת נפש ביים דאווענען!". זאגט ער דארטן, אז אריינלייגן די כוחות אין דאווענען - דאס הייסט מסירת נפש[טו].

(קורא מבפנים בליקוטי מוהר"ן סי' פ', בסופו:) "נמצא שיוצא לנו מזה עצה נפלאה לעבודת ה', ובפרט בשעת התפילה, שכשאדם רואה שאינו יכול להתפלל כלל, ולקשר המחשבה אל הדיבור. אזי יזכיר את עצמו שהוא בוודאי מרוצה למות על קידוש השם, כי אף על פי שהוא כמו שהוא, אפילו אם הוא בדיוטא התחתונה מאד. אף על פי כן, אם היו רוצים להעבירו על דת לגמרי, חס ושלום, בוודאי היה מוסר נפשו על קידוש השם. כי על זה מרוצה אפילו פושעי ישראל למות על קידוש השם ולא לעבור על דת, חס ושלום, כאשר ראינו בחוש פעמים אין מספר וכנ"ל. ותיכף כשיזכיר את עצמו שרוצה למסור נפשו על קידוש השם, על ידי זה יתעורר בחינת שלום, בחינת יוסף, שהוא בחינת התחברות המוח והדיבור כנ"ל, ועל כן על ידי זה יוכל להתפלל ולקשר המחשבה אל הדיבור וכנ"ל. וכן שמעתי מפיו הקדוש שאמר זאת בתוך שיחתו הקדושה לדבר פשוט שצריכין להתפלל במסירת נפש" – רבי נתן זאגט: "איך האב געהערט פון דעם רבי'ן פאר א דבר פשוט, אז מען דארף דאווענען מיט מסירת נפש".

וואס הייסט מסירת נפש? מקשר זיין דער מחשבה צום דיבור. דער רבי טייטשט טאקע אין דער תורה: "בונה ירושלים ה'"[טז]. 'ירושלים' איז דער דיבור, און 'ה'' איז

---

[יד] תהלים פו, ד.

[טו] עיי"ש. גם עי' בשיחות הר"ן סי' י"ב, בא"ד, וז"ל: "**כשרוצים להתפלל ואין מניחין אותו ומבלבלין אותו בכמה מיני בלבולים והוא צריך לכמה יגיעות בשעת התפילה. ואזי אפילו אם אינו זוכה להתפלל כראוי, אף על פי כן היגיעה בעצמה שמייגע עצמו בכל כוחו ומוסר נפשו להתפלל כראוי – זה בעצמו הוא בחינת קרבנות בחינת "כי עליך הרגנו" וכו'**".

[טז] תהלים קמז.

מוחין - די ארבע מוחין דאס איז דער שם הוי"ה. "בונה ירושלים ה'" - ווער בויעט? דער ה' בויעט אויס דעם דיבור, די מוחין בויען אויס דעם דיבור, "נדחי ישראל יכנס" – דורך מסירת נפש[יז].

ברענגט ער פאר א דבר פשוט פונעם רבי'ן, אז מען דארף דאווענען במסירת נפש. וואס הייסט מסירת נפש? לקשר המחשבה אל הדיבור! און ווער שמועסט - בשעת עס דאוונט זיך נישט, עס קומען דארטן די בלבולים, דעמאלט זאל מען זיך מכריח זיין און מקשר זיין די מחשבה צום דיבור – אט דאס איז מסירת נפש!

אן אלטער איד איז דאך שוין אזוי אָן די כוחות - קוים וואס ער גייט, קוים וואס ער רעדט שוין - און אז ער זאל זיך אריינלייגן און מאטערן זיך אינעם דאווענען און ער זאל מקשר זיין דער מחשבה צום דיבור – דאס איז מסירת נפש.

אין דעם ענין פון דאווענען איז דא חילוקים. רבי נתן ברענגט אין אן הלכה[יח], 'הרבה יראים' האבן געדאווענט הויעך און 'הרבה יראים' האבן געדאווענט שטיל,

---

[יז] וזל"ש: "וזהו: "**בונה ירושלים ה'**", ירושלים הוא בחינת הדיבור וכו' כנ"ל, ה' הוא בחינת מוחין כנ"ל. היינו לזכות לקשר המוח אל הדיבור, שזהו בחינת "בונה ירושלים ה'", שהמוחין בונין הדיבור דקדושה. זה זוכין על ידי "**נדחי ישראל יכנס**", זה בחינת מסירת נפש על קידוש השם, שכל הנידחין מקדושת ישראל, כשרוצין להעבירם על דת, חס ושלום, אזי נתעוררין תיכף ומוסרים נפשם על קידוש השם. **נמצא שעל ידי קידוש השם נכנסין כל הנידחין מקדושת ישראל לתוך הקדושה, שזהו בחינת 'נדחי ישראל יכנס'**. ועל ידי זה 'בונה ירושלים ה'', כי קידוש השם הוא בחינת שלום, שעל ידי זה יכולין לקשר המחשבה אל הדיבור, שזהו בחינת 'בונה ירושלים ה' כנ"ל".

[יח] הלכות שומר שכר ה"ב, אות י', וזל"ש: "**ומיום בריאת העולם לא היו עדיין שני צדיקים וכשרים אמיתיים שווים לגמרי בכל תנועותיהם אף על פי ששניהם הולכים בדרך אחד ויונקים מרב אחד**, אף על פי כן יש חילוקים רבים בדרכיהם והנהגותיהם וכמו שהאריך רביז"ל לספר ולהפליג בגודל החילוקים בין הצדיקים הגדולים שהיו סמוכים לזמננו שכולם הם מתלמידי הבעל שם טוב והמגיד זצוק"ל והיה שלום גדול ביניהם ואף על פי כן היו מחולקים מאד בדרכיהם **שזה היה נוסע על המדינה ודרש ברבים וזה ישב בביתו, זה האריך מאד בתפילה והתפלל לפני התיבה בצעקות והתלהבות גדול, וזה התפלל בלחש עם הציבור כדרך ההמון, וזה הרבה בתורה יותר וזה הרבה בצדקות ופדיון שבויים, וכיוצא בזה שנויים רבים לאין מספר** אף על פי שכולם ינקו מרב אחד, כי אי אפשר שיהיו כולם שווין, כי כל אחד עובד את ה' כפי מידתו וכפי שורש נשמתו".

'הרבה יראים' האבן געדאוונט באריכות און 'הרבה יראים' האבן געדאוונט נישט באריכות.

יעדער איינער דארף זעהן ער זאל מקשר זיין די מחשבה צום דיבור, יעדער איינער זאל זיך זוכן עצות דערצו: ביי איינעם איז בעסער אז ער דאוונט העכער - אזוי קען ער גיכער מקשר זיין דעם מחשבה צום דיבור - זאל ער אזוי טוהן, און ביי איינעם ווייטער איז אז ער דאוונט נישט אזוי הויעך.

יעדער איינער זאל וויסן, אז דאס איז דער זאך וואס דער רבי זאגט דא: 'דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה - "תפילה לא-ל חיי"' - דארף ער אריינגעמען אינגאנצן זיין כוח אין די אותיות התפילה, ער דארף אריינלייגן דארטן זיינע כוחות; אז דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה, דארף ער אריינלייגן דארטן זיין כוח. דער רבי זאגט: דארטן ווערט באנייט 'כוחו'. ער זאל נישט קיין מורא האבן אז אויב ער וועט אריינלייגן כוחות אין דעם דאווענען וועט ער דאך בלייבן אינגאנצן אָן כוחות - ניין! מען וועט דיר געבן א נייעם כוח!

דער אויבערשטער האט נישט קיין סך וואס לייגן אריין כוח אין דאווענען - דו וועסט באקומען א נייעם כוח! איינער קען דעם צווייטן נישט נאכטוהן אין דער זאך, נאר דאס איז דער כלל: מען דארף דאווענען מיט כוחות - אריינלייגן כוחות אין דאווענען! נישט אזוי (שעפשען) מיטן מויל - רעדן אָן כוחות.

דער רבי האט דאך אמאל גע'מוסר'ט זיי: "פארוואס לייגט איר נישט אריין כוחות אין דאווענען?!"[יט]

---

[יט] שיחות הר"ן קכ"א: "פעם אחד הוכיח אותנו להתפלל בכוונה ובכוחות כמבואר בספריו הרבה שצריכין להכריח עצמו מאד לתפילה ולהתפלל בכל כוחו. ואמר: **שתפילה שלכם בכוח הוא כמו שמשכתי אני את החבל עם האנקיר כשהייתי על הספינה**. היינו בהיותו על הספינה היה פעם אחד בשעת הדחק שהיו מכריחים את כל אנשי הספינה שימשכו בכל כוחם את החבל הנ"ל והייתי מושך בכל כוחי החבל אבל באמת לא הכנסתי שום כוח, רק היה לפנים. כי הוכרחתי להראות לפניהם כאילו אני מושך בכל כוחי. כך הוא התפילה שלכם בכוח ובכוונה. כלומר שעדיין אין אנו מכניסין כל כוחינו באמת לתוך התפילה".

(ר' נחמן: דער רבי האט געזאגט א משל:) **יא, ביי דער שיף דארט - ווען דער רבי האט געשלעפט דעם שטריק האט ער זיך געמאכט אזוי גלייך - זיי זאלן מיינען אז ער לייגט אריין כוחות.** (ואמר רביז"ל:) **"אזוי איז אייער דאווענען!". וויזט אויס - אריינלייגן כוחות אין דאווענען איז גאר עפעס אנדערש.**

**מען דארף פרואוון! פרואוו אריינלייגן כוחות אין דאווענען!** למשל, ווען מען דאוונט שוין אין ישיבה, קען מען נישט דעמאלט אנהויבן - מען האלט שוין ביי 'ויברך דוד' און ער וועט אנהויבן 'הודו'... אויב מען וויל אריינלייגן כוחות אין דאווענען – הלוואי אז אנצוהויבן גלייך מיטן עולם זאל זיין געווען**!** מען דארף אנהויבן נאך פריער.

❖

## א בדיעבד איז נישט קיין לכתחילה

ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו איז ר"ת בַּקָּהָ"ל - דאס איז פונעם אר"י הקדוש[כ]. [דער אר"י הקדוש איז דאך געווען א ספרד'ישער - די ספרדים הויבן דאך אן 'הודו' פריער, און די אשכנזים הויבן אן 'מזמור שיר חנוכת']. 'הודו לה' קראו בשמו' דארף אנהויבן דער גאנצער קהל צוזאמען!

אז איינער דאוונט זייער לאנגזאם - הויבט ער אן פריער, נישט שפעטער; אז ער קען נישט אנהויבן גלייך מיטן עולם ווייל ער וועט בלייבן אונטערשטעליג - דאס קען זיך מאכן, אבער אנהויבן שפעטער? אוודאי נישט!

[כ] עי' ספר "פאר מלכות": "כתב הגאון יחיא צאלח זלה"ה בספר "עץ חיים" (ראב"ד בכל גלילות ארץ תימן) בשם מהר"י צאיח, וז"ל: הוד"ו בגימ' אהי"ה, ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו - ר"ת בקה"ל, חייבים אנו להזכיר שמו בקדיש וברכו ובכל מיני קדושות עכ"ל. כלומר שכל אלו הדברים צריכים להיות בקהל דהיינו במנין עשרה אנשים גדולים", עיי"ש.

(ר' משה בינענשטאק: און אנהויבן צוזאמען מיט אלע גלייך, און ער וועט נאך דעם בלייבן אונטערשטעליג ווייל ער איז מאריך?) **זאל ער אנהויבן פריער.**

(ר' משה: און אז ער האט נישט אנגעהויבן פריער?) **מיר רעדן דאך נישט פון אז ס'מאכט זיך אמאל - מיר רעדן דאך פון א וועג; אז איך ווייס אז דער עולם דאווענט דארט אין א האלבע שעה, און איך ווייס אז אין א האלבע שעה קען איך נישט דאווענען פון 'הודו' ביז 'שמונה עשרה', דארף איך אנהויבן פריער.**

(ר' משה: און אז ער האט אנגעהויבן גלייך מיטן עולם ווייל ער האט זיך נישט געראָכטן, און אינמיטן האט ער באקומען א ברען - א התעוררות?) **אז דער מענטש מאכט א מסחר, דארף ער אויסרעכענען דעם מסחר באופן ער זאל האבן רווחים. אז איינער וועט מאכן א מסחר און ער ווייסט גארנישט וואס דארטן טוהט זיך אין דעם מסחר – ווי קען ער דארטן האבן רווחים? - דארף ער אזא מסחר נישט מאכן. אז ער מאכט א מסחר, דארף ער וויסן ביי זיך, וואס בין איך מסוגל און וואס נישט.**

(ר' משה: די שאלה איז, ער הויבט אן גלייך מיט אלעמען - און אינמיטן כאפט ער א ברען און ער וויל דאווענען מער באריכות, ממילא וועט ער שוין נישט דאווענען בציבור, איז ווייל ער האט נישט אנגעהויבן פריער טאָר ער שוין נישט דאווענען מער באריכות אינמיטן?) **ער וועט דאך האבן צער; פון וואנעט ווייס איך אז ער האט צער, אז מארגן וועט ער שוין אנהויבן פריער, אזוי וועל איך וויסן אז ער האט צער דערפון.**

**אז ער האט עפעס היינט א שאדן פון טויזנט דאלער - וועט ער האבן צער דערפון, און מארגן וועט ער זיך היטן אז ער זאל נישט האבן דעם שאדן. אז ער איז דורכגעפאלן מיט א שאדן פון טויזנט דאלער, וועט ער זיך שוין מארגן היטן די ביינער. ווען ווייס איך אז איך האב צער דערפון? אז מארגן זעה איך שוין אז איך זאל** (אנהויבן פריער) **- דאס איז א סימן אז ער האט צער דערפון.**

**אז ער דארף דאווענען, און זיין דאווענען דארף געדויערן פון 'הודו' - א שעה - א דריי-פערטל שעה - וויפיל דארטן אין זיין ערך, וועט ער שוין זעהן מארגן אז ער זאל דאווענען פריער.**

דער רבי'נס זאך איז געווען אזוי - דער רבי האט געזאגט: "איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן פונעם שלחן ערוך". כאטש פון שלחן ערוך קומט אויס, אז וועגן כוונה קען מען דאווענען אפילו נישט בציבור אויך - אזא מין סארט רמז איז דא[כא], פונדעסטוועגן דאס איז אלץ גערעדט געווארן אויף 'אמאל', אבער מאכן זיך א סדר - דארף מען מאכן א סדר אז מען זאל יא קענען דאווענען בציבור - דארף איך אנהויבן נאך פריער[כב].

דאכט זיך אז עס איז דא א רמ"א, אז ביי א דבר תמידי איז נישט שייך קיין בדיעבד[כג]. אז ביי מיר איז אלע טאג אזוי, דאס הייסט נישט קיין בדיעבד; בדיעבד איז 'אזוי', אבער א דבר תמידי איז נישט שייך צו זאגן קיין בדיעבד.

די גרויסע עובדים - ברסלב'ער חסידים, האבן זיך געשטעלט דאווענען פריער - זיי האבן אנגעהויבן דאווענען פריער, זיי האבן געוואלט זעהן אז שמונה עשרה זאלן זיי זיין גלייך מיטן עולם.

עס איז דא טאקע פון 'תפילה בציבור' געוואלדיגע גרויסקייטן - געוואלדיגע לשונות, אין ליקוטי הלכות - אין הלכות תפילה - אין אורח חיים (ה"ד) - ביי דער מעשה פון דעם בעל תפילה דארטן: די צען מענטשן - דער בעל תפילה און זיינע צען לייט - דאס איז דער ענין פון תפילה בציבור - צען!

❖

---

[כא] עי' שערי תשובה באו"ח סי' נ"ב, סק"א.

[כב] עי' בספה"ק "מאור ושמש", פר' ואתחנן, בד"ה "'ובקשתם משם", ושם בא"ד: "**העיקר הוא להתפלל עם הציבור דווקא, הגם שמתפללים במהירות או באריכות מחוייב לדחוק את עצמו להתפלל דווקא בציבור ולא ביחידות ואז יוכל לבוא לידי מדריגות גדולות**". ועי' גם שם ברמזי חנוכה, וזל"ש: "והענין הוא כי רבים וכן שלימים בדעת וביראת ה' עושים עצות לעבודה שבלב זו תפילה, **ויש רבים מהם שמתפללים בינם לבין עצמם כדי לכוון היטב, אבל האמת הוא שלא להפריש עצמו מהציבור**" וכו', עיי"ש.

[כג] עי' ב"ח סי' נ"ח, בד"ה "שלא יהא רגיל לעשות כן".

# פנה אל תפילת הערער

אין היינטיגן זוהר אין ויחי, שטייט[כד]: רבי אבא האט געזאגט: "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם"[כה]. הויבן הויבט ער אן 'אל תפילת הערער' – איינער, און 'ולא בזה את תפילתם' - איז דאך א לשון רבים?! זאגט ער אזוי: 'פנה אל תפילת הערער' – ביי א תפילה פון א יחיד איז דער אויבערשטער 'פנה'. 'פנה' - הייסט, ער קוקט זיך איין גוט ווי אזוי ער דאוונט. אבער 'תפילתם' איז ער נישט מבזה; א תפילת רבים איז דער אויבערשטער נישט מבזה די תפילה. 'פנה' - איז דער פשט, ער טוט זיך קערן - ער טוט מעיין זיין אין זיין תפילה: "דו ביסט א יחיד, דו דאוונסט אליין - לאמיר זעהן וואספארא תפילה דאוונסטו אליין". אבער תפילתם איז ער נישט מבזה. פארוואס? ווייל עס איז א רבים.

איך האלט דען אזוי גרוים מיין תפילה אז איך דארף שוין נישט האבן קיין ציבור? דארף איך דאך וויסן ביי זיך - 'צו האלט איך ביי אזא תפילה בכוונה אז איך דארף נישט קיין ציבור?!' - עס איז געווען גדולים וואס האבן אזוי געזאגט[כו].

מיר מוזן זאגן אזוי, אז דער וואס ער וויל טאקע דאווענען – ער וויל מקשר זיין דער מחשבה צום דיבור - און ער דאוונט לאנגזאם, מוז ער זיך שטעלן דאווענען פריער - דאס איז זיין לעבן, דאס איז זיין מסחר.

---

[כד] ויחי רלד ע"א

[כה] תהלים קב, יח.

[כו] עי' עלים לתרופה מכתב מיום ה' בשלח שנת תקצ"ה: "**הרבה מהיראים שבימים הקודמים התפללו ביחידות, ולא רצו להתפלל בציבור שלא יתבלבלו**".

דער רבי האט דאך פארט געזאגט: **"איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!"**[כז]. מיר דארפן זיך נישט לאזן נארן, מיר דארפן ביי זיך אליין וויסן וואספארא מסחרים האבן מיר דא.

❖

## "במאי עסקיתו?"

טאקע אין דעם היינטיגן זוהר[כח] - א מערה געווען, און דארטן אין דער מערה איז געווען רבי יוסי, און רבי חזקיה, און רבי יהודה. רבי יוסי האט מורא געהאט ארייינצוגיין אין דער מערה ביינאכט, עס איז דארטן דא נחשים ועקרבים. האט רבי יהודה געזאגט: עס איז מיר א חידוש אויף דיר פארוואס דו האסט מורא, דו ביסט דאך אוודאי א 'דחיל חטאה' - דו ביסט דאך אוודאי א ירא חטא - (ער איז דאך) פון די חברייא פון רבי שמעון'ען - די שכינה איז דא מיט אונז - פארוואס האסטו מורא? האט ער געזאגט, אבער 'אין סומכין על הנס'. (האט ער געזאגט), מיר זענען דריי מענטשן.

הכלל, זיי זענען אריינגעגאנגען אין דער מערה, און זיי זענען א גאנצע נאכט געווען אויף - און געטוהן וואס מען דארף. ביינאכט איז רבי שמעון אנגעקומען מיט רבי אבא'ן און מיט רבי אלעזר'ן. האט רבי שמעון געזעהן – ער האט דאך געהאט לעכטיגע אויגן - ווען ער איז נאך געווען אינדרויסן האט ער געזאגט: איך זעה אין די ווענט פון דער מערה אז דארטן איז דא די שכינה. אז ער איז אריינגעקומען, האט ער שוין געטראפן דארטן די דריי תלמידים. פארשטייט זיך די שמחה וואס עס איז געווארן דארטן...

---

[כז] שיחות הר"ן, אות נ"א.

[כח] ויחי דף רל:

הכלל, זיי זענען אויף געוועןן א גאנצע נאכט - און נאכדעם א טאג - און ווידער - א גאנצע זאך. רבי שמעון איז אריינגעקומען - דאס ערשטע פרעגט ער זיי: 'במאי עסקיתו' - אין וואס האט איר עוסק געווען?!

- עס ווערט געבראכט[כט], אז לעתיד ווען דער מענטש קומט אהינצו - פרעגט מען אים די ערשטע ווערטער: "במאי עסקיתו" - אין וואס האסטו עוסק געווען דא אין דער וועלט? דו קומסט דאך פון דער וועלט - אין וואס האסטו עוסק געווען? - דאס איז די ערשטע זאך.

מיר דארפן נישטווארטן ביז מען וועט דארטן פרעגן, מיר דארפן זיך אליין פרעגן: 'אין וואס זענען מיר עוסק דא?!'. 'עוסק' איז דער פשט, דאס איז מיין קביעות. מען כאפט אריין טאקע – א פרישטאג, א מיטאג, א נאכטמאל – אבער וואס איז מיין 'עסק'?! 'אין וואס בין איך עוסק – וואס איז מיין קביעות?'

- אַהָ, דאס איז דאך אינגאנצן דעם רבי'נס זאך - דער ענין פון התבודדות - זיך מיישב זיין: 'אין וואס בין איך עוסק? וואס איז מיין עסק? במאי עסקיתו?!'. אז מען מאכט דעם געדאנק, דעמאלט האב איך שוין אנדערע געדאנקען, דעמאלט ווייס איך שוין, אז דער עיקר חיות - זאגט דער רבי - איז מען מקבל פון תפילה.

אז איך וויל דאווענען - און איך ווייס אז 'איך' קען נישט דאווענען גיך - יענער קען דאווענען גיך - איך קען נישט, דאס איז מיין חיות - און תפילה בציבור וויל איך פארט דאווענען, תפילה בציבור איז דאך א גרויסע זאך - איך קען דען זאגן אז מיין תפילה איז אזוי חשוב אפילו ביחידות אויך? - מוז איך זיך שטעלן דאווענען פריער! איך האב דאך א מסחר, דאס איז דאך מיין מסחר, דאס איז דאך מיין קלייט.

אז איינער איז דארטן אויף א ארבעט - ער פארדינט גוטע געלט, אבער ער מוז זיין זעקס אזייגער ביי דער ארבעט, דער מענטש וועט דען זאגן אז זעקס אזייגער איז

---

[כט] עי' גמ' ע"ז ב:

פאר מיר צו פרי? ער וועט נישט זאגן די ווערטער - ער האט שוין דארטן (זיין סדר) - ער לייגט זיך שלאפן פריער, ער האט א וועקער - ער מוז אויפשטיין צו דער ארבעט.

מיר דארפן אויך מאכן ביי זיך דעם בירור - אז דאס איז אונזער עסק; איך דארף קוקן ביי זיך - איז דאס איז מיין קביעות'דיגע זאך - צו נישט. אויב איך וועל זעהן אז דאס איז מיין קביעות'דיגע זאך - דעמאלט איז שוין בסדר; ביז מען טוהט ארייניקלאפן אין גוף אריין, אז דאס רוחניות זאל זיין א קביעות, דארף מען גוט אנקלאפן דעם גוף - גוט אנקלאפן אים אז דאס איז מיין קביעות!

❖

## נישט קיין סמאָלע פארקויפער

מיר רעדן איצטער פון דאוועגען, אבער דאס ארייניקלאפן אין גוף איז בכלל אזוי: דער רבי האט געזאגט צו איינעם - יענער איז געקומען צום רבי'ן בעטן דארטן פרנסה, האט דער רבי אים געגעבן א משל:

- איינער האט איינגעקויפט אסאך סחורה דארטן ביים קרעמער, און נאכדעם אז ער גייט (- ער האט געוואלט אוועק)פארן, האט ער נישט געהאט קיין סמאָלע (- פעך צו שמירן די רעדער) - דאס פירל גייט נישט. איז ער אריינגעגאנגען צום דאזיגן בעל בית, זאגט ער אים "איך קען נישט פארן". (זאגט ער אים:) "נו, נאדיר אביסל סמאָלע אויך".

אזא סמאָלע איז נישט געווען. אן אנדערער וואס האט נישט געהאט קיין סמאָלע פרעגט אים: 'פון וואו האסטו גענומען סמאָלע?'. זאגט ער: 'ביי דעם קרעמער'. בעט ער דעם קרעמער, זאגט ער: "איך בין א סוחר פון סמאָלע? יענער האט געקויפט ביי מיר אסאך סחורה - אז ער קען נישט פארן, נאדיר און פאָר! אבער דו ווילסט נעמען ביי מיר נאר סמאלע? איך בין נישט קיין סוחר פון סמאלע!".

- (הנמשל היא כך:) א סוחר קומט אריין צום רבי'ן אויף פרנסה. האט דער רבי מודיע געווען: "ער' איז א חסיד, און ער פאלגט דעם רבי'ן מיט די עצות – ער איז דאך

הונגעריג, מוז איך אים געבן דארטן אז ער זאל זיין – 'עס' און פאָר ווייטער - גיי, נאדיר און פאר ווייטער! אבער אז דו קומסט אריין צו מיר נאר רעדן פון פרנסה? איך בין נישט קיין סוחר פון סמאלע!'.

דאס איז אויך דאס אייגענע: לאמיר זיך נאר אריינעמען אין געדאנק אריין און נישט לאזן זיך נארן - אז דאס (עבודת ה') זאל זיין ביי מיר די קביעות, און דאס אלצדינג (הצרכים הגשמיים) איז נאר א בחינת 'עראי' - ווייל מען מוז עס האבן; אין דעם עולם מוז מען שלאפן, מוז מען עסן - מען מוז אזוי, אבער דער קביעות מיינער איז 'אידישקייט'. וואספארא אידישקייט? תורה, מצוות ומעשים טובים – עס איז דא אידישקייט! דאס צו אריינקלאפן אין קאפ אריין, דארף מען אסאך אסאך אנקלאפן דעם גוף אז דאס איז דער קביעות!

❖ ❖ ❖

## מיין מענדאל!

(ר' נחמן: איינער האט זיך בארימט אז ער האט נאך קיינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן פרנסה!) יא יא - דער דייטשל, דער וואס פלעגט קומען מיט די פינגער מיט טינט[ל].

(ר' נחמן: רבי נתן האט געזאגט, אז ער וועט זיך בארימען מיט די 'צוויי' מענטשן פארן כסא הכבוד!) עס איז שוין געווען נאכן רבי'נס הסתלקות (כשקירבם). (דער דייטשל האט אזוי געזאגט:) **"איך פאָר שוין פערציג יאר אויף ראש השנה, און איך האב נאך קיינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן אזא זאך!".**

(ר' חיים שלמה ראטנבערג: ר' מענדל האט ער געהייסן?) ניין - ר' מענדל מכפר איז אן אנדערע זאך; ר' מענדל מכפר איז געווען איינער דעם רבי'נס א מענטש. דער רבי האט געזאגט אויף אים: **"דאס איז מיין מענדאַל!"** (- מעדאל).

[ל] עי' טעם זקנים קונטרס כ"א; ל"ט.

וואס הייסט א מענדאל? ביי דעם קיסר - אז איינער האט עפעס געטוהן א גוטע זאך, האט אים דער קיסר געגעבן א גאלדענעם מענדאל - מען האט יענעם אנגעטוהן א מענדאל - דאס איז א מתנה פונעם קיסר, דאס הייסט א מענדאל. האט דער רבי געזאגט אויף דעם ר' מענדל: "דאס איז מיין מענדאל!" דער איז מיינער א צירונג. מענדעלע – מענדאל.

(ר' נחמן: ביי אים איז געווען די מעשה פון די שריפה!) **יא יא**[לא].

(ר' נחמן: און ר' מענדלע לאדיז'ינער וואס רבי נתן האט אים מקרב געווען[לב], און שפעטער האט ער געגעבן די ערשטע צוויי רובל אויפן בנין פונעם קלויז, ער איז געווען פון טולטשין[לג] (היה גר שם מקודם)) **איך וויים נישט.**

(ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס שרייבט עפעס, אז ער מיט ר' יצחק חזן פון ברסלב, האבן זיך מתוועד געווען איינמאל, ער פלעגט זאגן ווערטלעך -) **יא יא**[לד]**, דאס איז עפעס אנדערש. אבער אז**

---

[לא] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ח.

[לב] עי' שם בשו"ס אות נ"ב, ושם באמצע: ובא לפני מוהרנ"ת ז"ל, וסיפר לפניו את כל לבבו בדבר מבוכותיו מספרי החקירות אשר נטעה ונתעה בהם קודם התקרבותו. ומוהרנ"ת ז"ל ידע מה להשיבו, עד שנהפך לאיש כשר בכל ימי חייו.

[לג] עי' שם נ"ד-נ"ה: ונתעורר באמצע השנה לסבב בכל העיירות שנוסעים מהם לאומין לימי ראש השנה כנ"ל ולהציע לפני אנשי שלומנו בכל עיר ועיר להתנדב מעות לצרכי זה הבנין. ונסע תחלה ללאדיזין, שנמצא שם בעת הזאת קצת מאנשי שלומנו והציע לפניהם דברי התעוררות כפי רוממות רביז"ל, וכפי גדולת ונוראות האסיפה על שמו בימי ראש השנה הקדושים. ורבי מנחם מענדיל הנ"ל היה בעת הזאת מתושבי לאדיזין מתפרנס ממעשה ידיו, אבל עניותו ודחקו היה גדול ועצום בעת הזאת, אבל מכוון ממש ביום בוא מוהרנ"ת כנ"ל נמצא תחת ידו שני רוביל אשר זאת היתה כל רכושו ולא יותר. וברוב להבת לבבו בשמעו דברי מוהרנ"ת, רץ לביתו וחטף את אלה השני רובל כסף והביאם למוהרנ"ת לצרך הבנין. ולא רצה תחילה מוהרנ"ת לקבל אותם כלל מידו (כי אף־על־פי שמובא בספרים שבשביל תשובה מותר להפריז יותר מחומש, אבל בכל זה כפי עוצם עניותו לא רצה מוהרנ"ת בשום אופן לקבלה), מחמת הרחמנות אשר עליו מעוצם עניותו והתחיל רבי מענדיל ז"ל לבקש ולהתחנן ממורנ"ת לרחם עליו בתכלית ההיפך ולזכות אותו בזכות נורא ועצום כזה, עד שעלה על דעת מוהרנ"ת ז"ל שבאמת אין ביכולת לידע באיזה אופן גדול ביותר הרחמנות, עד שקבלם מאתו. כי כפי שמסר את נפשו כל־כך על הנדבה הזאת שיהיה לו חלק הראשון בבנין הזה, ידע והאמין שזה יהיה אם ירצה ה' יסוד גדול וחזק לזה הבנין באפן שיהיה ביכלתו לגמרו.

[לד] עי' שיחות וסיפורים שם בסימן נ"ב.

רבי נתן האט געקלערט (- געצווייפלט) 'צו מעג איך נעמען צו נישט' - דאס שטייט אויך דארטן? (ר' נחמן: ער איז געווען מסופק צו ער מעג נעמען די צוויי רובל, ווייל מער פון דעם האט ער נישט געהאט). (ולבסוף החליט:) "**ווערדליג דעם רבי'נס זאך דארף זיין מיט מסירת נפש – מעג איך נעמען!**".

אז ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט דאס (שהיה עם ר' מענדל מלאדיז'ין) - קען איך נישט זאגן, אבער איך האב געהערט אז עס איז געווען גאר לעבן אומאן.

❖

## דעם רבי'נס זאך דארף מסירת נפש

רבי נתן - נאכן רבי'נס הסתלקות - וואו ס'איז געווען עפעס א מענטש פון אונזערע לייט - איז רבי נתן צוגעפארן - און ער איז געווען ביי דעם אויך. עס איז געווען שפעטער שוין - ווען רבי נתן האט שוין געוואלט בויען דעם קלויז. איז רבי נתן אריינגעקומען צו אים, און רבי נתן האט זייער אסאך גערעדט פונעם רבי'ן. האט ער זיך אנגערופן: "רבי נתן, אויב איר האט נאכנישט אויסגעבויעט קיין קלויז, האט איר נאך גארנישט אויפגעטוהן". זאגט רבי נתן: "אויב אזוי - גיב דו די ערשטע געלט!" - האט ער ארויסגענומען צוויי רובל.

רבי נתן האט געזאגט: "איך האב געקלערט - צו מעג איך נעמען ביי אים, צו נישט - ווייל ער האט מער נישט געהאט, נאר ווערדליג דעם רבי'נס זאך דארף זיין מסירות נפש - מעג איך נעמען!".

- האט ער גענומען פון אים די צוויי רובל, און ער איז אוועק קיין טשעהרין און ער האט געמאכט א פייער: 'אזא איד האט אוועקגעבן 'כל מה שיש לו'!' - רבי נתן האט געקענט מאכן א רעש - און ער האט אנגעהויבן בויען דעם קלויז.

(השואל: איז ווער איז געווען דער מענטש?) איך ווייס נישט.

(השואל: אין וועלכע שטאט איז עם געווען - ווייסט מען יא?) אויב ס'שטייט דארטן (בשיחות וסיפורים): 'טולטשין' [לאדיז'ין] - איז דאך נישטא וואס צו רעדן, נאר איך האב געהערט אז עם איז געווען לעבן אומאן.

אונזערע לייט זענען נאך געווען דארט - ביי אונזערע לייט איז געווען אפילו איינער אין א שטאט. און רבי נתן פלעגט דארטן אויך ביים אנהויב זיין ביי אים און רעדן מיט אים. ווער שמועסט (לחזק אנ"ש -) איינער אין א שטאט, א קליינקייט?!

אט דאס (דארף מען) אריינקלאפן אין קאפ אריין - אנקלאפן אין גוף אריין - וואס איז דער קביעות!?

מען דארף אסאך אסאך רעדן מיט חברים, און אסאך רעדן צום אויבערשטן - דאס זאל ווערן ביי מיר דער קביעות, און צו דעם דארף מען אביסל סמאָלע - אז מען זאל קענען (ווייטער) פירן.

(רבינו אמר:) "דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר - איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!" א מענטש קען זיך אים דאכטן: יא, ביי מיר איז א קביעות 'תורה ותפילה' - א סימן איז, אז רוב היום פארברענג איך אויף תורה ותפילה. אבער אפילו ער פארברענגט רוב היום אויף תורה ותפילה, קען (נאך אלץ) זיין - אז פון דעם אז אין מוח זאל 'דאס' זיין דער קביעות - איז ער נאך גאנץ ווייט; אז דאס זאל זיין ביי מיר דער קביעות, און אז דאס איז אינגאנצן מיין עסק אין דער וועלט - צו דעם דארף מען גרויס רחמים.

איי, וואס איז דער חילוק - וואס איז א נפקא מינה - ער איז דאך עוסק אין תורה און תפילה (אע"פ שאין זה הקביעות שלו)? די נפקא מינה איז אזוי: אז דאס איז ביי מיר א קביעות - אפילו עס וועט זיך מאכן מניעות, וועל איך נישט אפלאזן - 'דאס איז שוין מיין קביעות'! אבער אז דאס איז נאך נישט מיין קביעות - נאר וואס דען, איך דאוון און לערן - דעמאלט אז עס וועט זיך מאכן עפעס א מניעה בין איך שוין אין א סכנה.

דער רבי זאגט אין תורה כ"ה, עס איז דא א "שכל הנקנה" - אן איינגעקויפטער שכל. און דער רבי זאגט דארטן, אז דער עיקר השארה לאחר מותו איז דער שכל הנקנה, דאס בלייבט אים[לה].

דער רבי רעדט דארטן - פון "שכל בכוח", "שכל בפועל", און "שכל הנקנה". אז עס איז איינגעקויפט - דאס איז שוין מיינער א זאך, דאס איז שוין מיינער א פארמעג, דאס איז עפעס אנדערש. 'שכל הנקנה' – דאס איז שוין א קביעות ביי מיר, איך האב שוין איינגעקויפט א זאך, געקויפט, אוועקגעלייגט, דאס בלייבט איבער.

(ר' נחמן: ווער איז געווען ר' יצחק חזן פון ברסלב - ער ווערט נישט דערמאנט, אבער ער איז געווען פון רבי נתן'ס מענטשן?) געווענטליך ( - כמובן) אוודאי.

(ר' נחמן: ער איז טאקע געווען א חזן אין ברסלב?) איך ווייס נישט, אפשר איז זיין פאמיליע נאמען געווען 'חזן'?!

❖

(חוזר להנ"ל. ר' נחמן מראה לר' לוי יצחק הסיפור בר' מענדל מלאדיז'ין בשיחות וסיפורים (אות נ"ד שנתן שלשה רובל לַקלויז) עס איז געווען אזעלכע מענטשן וואס זענען געווען פארווארפן - א מענטש אין א שטעטעלע, און רבי נתן איז ארומגעפארן. עס איז נישט קיין סתירה צו דעם (שיחות וסיפורים) - דאס איז אויך געווען. איך האב געהערט אז עס איז געווען אין א שטעטל לעבן אומאן. אין דעם האלבן יאר וואס דער רבי איז געווען אין אומאן זענען אסאך מענטשן געווארן דעמאלט נאנט צום רבי'ן. ארום און ארום איז דארטן דא קליינע שטעטלעך, דארטן איז דא 'בוקי' - קליינע שטעטעלעך, אפילו אין מיינע צייטן איז אין בוקי געווען א חסיד איינער, און אזוי איז געווען פארווארפן (אין נאך שטעטלעך).

---

[לה] שם באות א': "כמו שכתבו המחקרים, שיש שכל בכח, ושכל הפעל, ושכל הנקנה. ועיקר קיומו של אדם לאחר מיתתו, אינו אלא שכל הנקנה, **וזה השארותיו לאחר המיתה**".

'בוקי' איז א שטעטל לעבן אומאן. דער ר' יחזקאל העשיל[לו] האט אויך געוואוינט דארטן. און עס איז געווען דארטן נאך אזוי קליינע שטעטלעך.

און נאכן רבי'נס הסתלקות האט רבי נתן (מורא געהאט) אז זיי וועלן ווערן אפגעריסן. האט רבי נתן זיי אלע צונויפגענומען - וואו עס איז געווען איינער פון אונזערע לייט איז ער אלץ געווען דארטן - ער האט זיי צונויפגענומען און עס איז געווארן...

❖ ❖ ❖

## אויסגעהיילט דעם קראנקן

(ר' נחמן: עס איז געווען אמאל 'די מעשה מיט די בארשט' - אין וועלכע שטעטל איז דאס געווען?)

יא, אויך געווען לעבן אומאן.

רבי נתן איז געווען דארטן ביי יענעם (אחד מאנ"ש) - יענער האט געהאט א בן יחיד - א זון, וואס ער האט נעבאך (געליטן) אויף די לונגען, און די דאקטוירים האבן אים שוין געהאט מייאש געווען. און דעמאלט טאר מען נישט עסן קיין בארשט - דאס איז א שארפע זאך.

רבי נתן האט געהייסן מען זאל אפקאכן א בארשט אין שטוב, און דער קראנקער (זון) איז געזעצן און האט נישט געגעסן. רבי נתן האט א זאג געגעבן: 'פארוואס גיט מען אים נישט?', האבן זיי אים געזאגט דעם מצב. האט רבי נתן אים געהייסן געבן. הכלל, דער זון איז געווארן געזונט אינגאנצן.

נאכדעם האט דער דאקטער וואס האט אים שוין מייאש געווען, זיך געזעהן מיט אים, האט ער אזוי געזאגט: "ביי מיר אין מיין סדר רפואות איז ער שוין געווען

---

[לו] מובא הרבה במכתבי רבי נחמן מטולטשין. היה מחותנו של הרב מטשעהרין.

אויף יענער וועלט, נאר וואס ביי אייך קען זיך מאכן א דריי"... - דאס האט ער געזאגט צו דעם חולה דארטן[לז].

(ר' משה: וואס הייסט "ביי אייך 'קען'" וכו'?) וואס 'איר' קענט - נישט קיין רפואות!

(ר' משה: ער איז געווען א ברסלב'ער - דער זון?) דער טאטע איז געווען א ברסלב'ער חסיד.

❖

## ברודערל מיינס, וואס מאכסטו?

דאס איז אלץ געווען ווען רבי נתן איז ארומגעפארן אומעטום און צונויפגענומען וואו עס איז נאר געווען - איינער איינער, און דערפאר האבן מיר איצטער ברוך השם (שיודעים מרביה"ק) - ווייל רבי נתן האט דעמאלט געטוהן. וואס האט ער געטוהן? אז דעם רבי'נס זאך ווערט נישט נפסק! דעם רבי'נס זאך הערט נישט אויף!

דעמאלט האט רבי נתן געהאט דעם געדאנק - און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ער האט עס געפירט. איצטער איז אויך ברוך השם דא - עס איז נישט נפסק - איז דא א בני ברק, איז דא א ירושלים - עס איז דא, עס איז דא!

דאס איז בכלל. און בפרט דארף אויך יעדער איינער ביי זיך וויסן – 'עס זאל נישט ווערן נפסק ביי מיר דעם רבי'נס זאך!'. וואס הייסט 'נפסק'? אז מען הערט אויף צו טוהן מיט די עצות - ווערט עס ביי מיר אפגעהאקט, אָן דעם קען מען דאך נישט זיין.

[לז] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, רצ"ז.

אז ער שעמט זיך נישט מיטן נאָמען איז אויך זייער גוט, אבער אז עס זאל זיך פירן דער זאך אזוי ווי עס דארף זיין, קען נישט זיין אָן דעם; אָן די עצות פון דעם רבי'ן קען מען נישט בשום אופן!

עס איז גאנץ גוט אז מען לאזט אריין אין שטוב א ברסלב'ער חסיד און מען גיט אים אפאר פונט – דאס איז אויך זייער גוט, אבער וואס דער רבי וויל פון אים מאכן? - -

און דאס דארף זיין אונזערע דיבורים, דאס דארפן מיר רעדן. מען זעהט זיך איינער מיטן צווייטן אינמיטן גאס: **"וואס הערט זיך אזוי - גוטער ברודער? וואס הערט זיך עפעס - האט מען עפעס אינזין דעם תכלית?!"**

בפרטיות דארף מען נישט וויסן אזוי איינער פונעם אנדערן; בפרטיות וואס אויף א מענטשן גייט איבער קען מען נישט דערציילן איינער דעם צווייטן - דאס דארף מען נאר רעדן פאר השם יתברך. אבער דאס קען מען דאך יא: 'ברודער, וואס הערט זיך עפעס? האט מען עפעס אינזין דעם תכלית?!'

דער רבי האט משבח געווען דעם שוחט: **"דו האסט מיך אינזינען געהאט אלע טאג?!"**[לח]. (כמו"כ צריך כל אחד לומר לעצמו:) **'האסטו עפעס אינזין דעם רבי'ן אלע טאג? האסט אינזין מיט די עצות?!'**

(השואל: דער שוחט האט געמאכט דער שטול א יאר טאקע?) **א טייל זאגן א האלב יאר.**

צו דעם דארף מען האבן זייער גרויס רחמים, אז דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל נקבע ווערן דער זאך. דאס איז דאך א לשון פון זוהר: "כפום מה

[לח] אבניה ברזל שו"ס מרביז"ל אות כ': אחד עשה כסא לרבינו זצוק"ל, ושאל אותו רבינו ז"ל: כמה זמן עשית אותה? ענה לו: בחצי שנה. ושאל אותו רבינו זצוק"ל: האם כל היום עשית אותה? ענה לו: לא, רק בכל יום עבדתי שעה אחת (יען כי היה כסא נאה ומציורת בציורים נאים). אמר לו רבינו זצוק"ל. **אזוי! האסטו מיר אין זינען גיהאט אהאלב יאהר אלע טאג א שעה!**

**דמתדבק בר נש בהאי עלמא - אזוי איז דארטן!"[לט] - אז מען איז זיך מתדבק אין דער וועלט, מען גייט זייער אסאך ארום מיט די ספרים – דעם רבי'נס ספרים, איז מען דארטן אויך אזוי.**

**אז מען קומט דארטן, איז אן 'עולם התוהו', דארטן איז דא מזיקים - און זיי זענען מתנגדים גרויסע, רח"ל - אלץ א נסיון, זיי זענען מרחק[מ].**

❖

## **געדענק דו ביסט א 'מת'!**

**איך געדענק אז אין אומאן - ביי א לויה האט מען זיך אָנגעבויגן, מען האט געזאגט צום נפטר: 'דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דו זאלסט וויסן דו ביסט געשטארבן, דו ביסט א ברסלב'ער חסיד! דארטן איז דא מתנגדים גרויסע קליפות - דו**

---

[לט] ח"א קע"ו ע"א. ועי' בחיי מוהר"ן ק"א: "והעיקר תלוי בזה העולם שמי שהוא חזק בזה העולם באמונה בהתחזקות האמיתית יזכה גם שם לזה. כי **כפום מה דאתדבק בר נש בהאי עלמא כן הוא בעלמא דאתי**, ואז בוודאי לא יוכל למנע אותו שום מונע מלילך להצדיק גם משם".

[מ] עי' בחיי מוהר"ן, שם (אות ק"א): "ופעם אחת אמר שהאדם צריך להתחזק בהאמונה בהצדיק האמת בהתחזקות גדול עד שיהיה חזק כל כך שאפילו אחר מיתתו יהיה חזק באמונה ולא יוכלו להטעותו שם בשום אופן, כי גם שם צריכין התחזקות גדול להאמין בהצדיק. ואמר **כי יש נשמות הרשעים המתנגדים שרוצים להטעותו מהצדיק האמת כדי למנעו שלא יתחזק לבוא אליו בשביל תיקון**. ואמר שמי שיהיה חזק באמונה בוודאי לא יוכלו שם המונעים למנעו מלילך להצדיק לקבל תיקון לנשמתו. כי עיקר המניעות גם שם הם רק מה שהמקטרגים והמחבלים וכו' שיש שם הם מבלבלין ומחלישין דעתו ומטעין אותו ודוברין על הצדיק מה שדוברין כדי שלא יתחזק לבוא אליו (כי בוודאי אפילו אחר פטירת האדם כל זמן שאינו זוכה עדיין לבוא למקום מנוחתו בשלימות עדיין אינו בעלמא דקשוט. אדרבה עיקר ענשו ויסורים על ידי המחבלים שמוליכין אותו בעולם התוהו ונדמה לו כאילו עדיין הוא בזה העולם, ומטעים אותו בכמה הטעאות כמפורסם בספרים) אבל אם האדם חזק בדעתו ואינו שומע לדבריהם ומתעקש עצמו ואומר איני שומע לכם ואני רוצה דייקא לילך ולבוא אל הצדיק הם מוכרחים להניח אותו ואינם יכולים למנעו מזה בשום אופן כי עיקר המניעות שהן מונעין הוא רק מה שמטעין אותו כנ"ל", ועיי"ש סיפור נורא בענין זה. גם עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ח: "וצריכין לבקש מאד מהשם יתברך, לזכות להתקרב להצדיק האמת, כי אשרי למי שזוכה להתקרב בעודו בחיים חיותו לצדיק האמת, אשרי לו, אשרי חלקו. **כי אחר כך** (היינו לאחר מיתה) **קשה אז מאד להתקרב**, וצריכין מאד להרבות בתפלה ותחנונים מאד, שיזכה בחיים חיותו להתקרב לצדיקי אמת".

זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דו זאלסט זיך נישט לאזן דערווייטערן פונעם רבי'ן!' - מען פלעגט אים אריינזאגן אין קבר.

(ר' משה: פאר די קבורה, אדער נאך אסאך פריער?) ביים ארײנלייגן שוין אין קבר, ווען ער איז שוין געלעגן 'בזיבולא בתרייתא'.

מען קען זיך נישט אויסמאלן וואס דארטן איז. אבער דאס דארף מען וויסן, אז דארטן איז אן עלמא דקשוט, דארטן איז די אמת'ע וועלט. אבער ביז מען קומט שוין דארטן צו דעם אמת וואס מען דארף קומען - איז דא ארום און ארום א גדר פון נחשים ועקרבים. דער זוהר רופט זיי: 'נחשים ועקרבים'. דאס איז פראסטע קליפות, מזיקים. און די מזיקים האבן נאר א שייכות מיט דעם דאזיגן וואס ער האט ביים לעבן נישט געפירט זיך אזוי ווי מען דארף, און רח"ל - זיי קענען אים ארומשלעפן.

- דאס איז די גרויסקייט פון ישוב הדעת, און דאס גרויסקייט פון האבן גוטע חברים![מא]

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען קומט זיך שוין צונויף, איז א בעל דבר מען זאל רעדן נייעס, געשעפטן מיט מעשה'ס - (לפעמים) גייט מען אוועק און עס פירט זיך נישט אויס וואס עס דארף זיך אויספירן פון צוויי חברים וואס קומען זיך צונויף. אבער אז דער אויבערשטער האט רחמנות - מען האט אינזין דעם תכלית, און אז מען פאקט א חבר ווערט מען פרייליך: 'אה ברודער, וואס הערט זיך עפעס?!' - "ולאחיו יאמר חזק", ממילא איז מען נענטער צום רבי'נס זאך.

(ר' נחמן: אויף ר' יונה'ס[מב] לויה זענט איר געווען דארט אויפן פעלד, און איר האט אויסגערופן דעמאלט: "דו זאלסט וויסן אז דארט איז אויך דא מתנגדים - דו זאלסט בעטן: 'פירט מיר נאר צום רבי'ן'"

---

[מא] עי' בליקוטי הלכות תחומין ה"ו, אות כ"ב: "**ועל כן באמת אפילו אם לא זכה להטיב מעשיו בשלימות בחייו, אבל זכה על כל פנים לחפש ולבקש ולדרוש תמיד אותו יתברך הוא גם כן טובה נפלאה ונוראה לנפשו וגופו, כי על ידי זה זוכה גם אחר מיתתו לחפש ולבקש אותו ולא יוכלו להטעותו על ידי עולם התוהו מאחר שגם שם יבקש את ה' יתברך, על כן בקל יוכל לשוב למקום מנוחתו והכל בכוח הצדיקי אמת וכנ"ל**".

[מב] נלב"ע ב' ניסן תשכ"א.

- איך געדענק איר האט דאס אויסגערופן. איינער האט מיר דעמאלט פאַרגעהאלטן: 'וואספארא מתנגדים איז דא דארט?!'...) איך געדענק נישט, קען זיין, דער זכרון איז געווארן שוואך.

אין אומאן פלעגט מען אזוי טוהן, אריינרעדן אים: "דו זאלסט וויסן אז דו ביסט געשטארבן! דו זאלסט וויסן אז דו ביסט א ברסלב'ער חסיד - און דארטן איז אויך דא קליפות, מתנגדים; דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דו זאלסט זיך האלטן ביים רבי'ן!"

❖

## מען רעדט פונעם רבי'ן

(ר' נחמן: א ליקוטי מוהר"ן פלעגט מען אויך לייגן?) נישט אויף יעדן איינעם.

(ר' משה: אבער עס איז געווען אזעלכע ביי וואס מען האט יא געלייגט - "קיים זה מה שכתוב בזה!"[מג]?) יעדע זאך דארף מען טוהן אויך מיט ישוב הדעת, נישט וועלן נאכטוהן - אז ווייל איך האב געהערט אזא מין ווארט דארף איך שוין נאכטוהן...

עס שטייט אין גמרא - אין מועד קטן - און דער רא"ש[מד] ברענגט נאך שארפער - מען זאל נישט זאגן קיין שבחים וואס יענער האט נישט, נאר ווען יענער האט דאס קען איך זאגן אביסל מערער; ווען יענער האט אין זיך א מידה פון חסד, קען איך זאגן אפילו אביסעלע מערער אויך; אבער זאגן ווען יענער האט עס נישט - דאס איז א געוואלדיגער קטרוג דארט. דארטן איז אן עלמא דקשוט, דארטן לאכט מען זיך

---

[מג] גמ' בבא קמא י"ז ע"א - בחזקיהו המלך שהניחו ספר תורה על מיטתו, ואמרו 'קיים זה מה שכתוב בזה'.

[מד] הרא"ש על מס' מועד קטן פרק שלישי, סי' ס"ג: "תניא באבל רבתי (פ"ג, הלכה ו') 'אין מוסיפין בתחילה אבל מוסיפין על העיקר'. כלומר, אין מספידין בכבוד למי שאינו ראוי לכך בשעת ההספד אבל אם היה ראוי לכבוד מועט מוסיפין מקצת על דבר טוב שנמצא בו. תניא (ברכות סב.) 'אמר רשב"ג כשם שנפרעין מן המתים כך נפרעין מן הספדנין ומן העונין אחריהם וחכם וחסיד תולין לו בחכמתו וביראת חטאו'. פירוש, 'נפרעין מן המתים' - כשמספידין את המת דבר שאין בו כלל הוי לו למזכרת עון, **ולכך יש ליזהר מלהפליג בתוספת שבח וכבוד אלא מוסיפין מעט על כל מידה ומידה טובה שהיתה בו**".

אוים פון די נארישע זאך וואס מען זאגט נארישע שבחים, נארישע מעשה'ס. און ווער שמועסט נאך (כשמנציח אותם) אויף א מציבה – די אלע נארישע זאכן.

דער רבי רעדט אין תורה ס"ו[מה] - פון ממשיך זיין דעם אמת פון עלמא דאתי. דארטן איז עפעס אן אמת - א ריינער אמת איז דא דארטן וואס מיר קענען זיך נישט אויסמאלן דעם אמת פון דארטן.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן רעדן פונעם רבי'ן אסאך; רעדן פון רבי'ן איז אויך א גרויסע זאך - רעדן פונעם רבי'ן אסאך איז א געוואלדיגע גרויסע זאך! דער בעל דבר וויל דאס נישטליידן וואס מען קומט זיך צונויף און מען רעדט פונעם רבי'ן.

וואס טוט מען? מען רעדט פונעם רבי'ן! מען רעדט נישט קיין גרויסקייטן, נאר מען רעדט פונעם רבי'ן, דאס איז א געוואלדיגע זאך! דאס בלייבט איבער אין די ביינער, דאס בלייבט איבער, און דאס איז א גרויסע זאך!

❖ ❖ ❖

## אפגעטייטשט יעדעסווארט

טאקע די היינטיגע וואך פרייטאג איז דער יארצייט פון ר' יחזקאל העשיל - ט"ו טבת. און ט"ז איז (דער יארצייט פון) ר' הערשל טודרוס'ן - ר' הערשל טעפליקער, ער איז געווען ר' אברהם'ס (שטערנהארץ) אן איידעם. און מאנטאג - י"ח טבת איז דער יארצייט פון ר' אייזיק (אייזנשטיין) פון אומאן - דער וואס האט אויסגעבויעט דעם קלויז.

געדענק איך ביי דעם ר' הערשלע'ן (מטעפליק) [- ער איז עפעס געווען אויך אין די גרויסע פרעסט -] ער - ע"ה, פלעגט אריינקומען צו מיר איך זאל מיט אים לערנען

---

[מה] עיי"ש אות ג'.

ליקוטי מוהר"ן. ער פלעגט מיר צאלן אזוי ווי א מלמד, איך בין יענע מאל אן ארימאן געווען – איך האב נישט געהאט וואס צו עסן, האט ער מיט געצאלט געלט - איך האב געלערנט מיט אים א שעה. האט ער אזוי געהיט די שעה, קיין רגע זאל איך נישט רעדן.

ער האט מיר מעודד געווען איך זאל פארטייטשן יעדעס ווארט[מו]. עס איז אזוי געווען שווער צו לערנען - יעדעס ווארט פארטייטשן! אז דער רבי זאגט דארטן: "כי דע" - דו זאלסט וויסן, "על ידי" - - איך זאל אויך פארטייטשן דעם ווארט "כי", און "על-ידי-זה" - אויך, קיין איין ווארט האט ער נישט אפגעלאזט. "רבונו" – זיין האר, "של" – פון, "עולם" – דער וועלט.

ער איז געווען א געוואלדיגער איש אמת - דער ר' הערשל טעפליקער. ער איז געקומען צו מיר אין שטוב, דארטן האב איך מיט אים געלערנט. איך בין ממילא געווען א מלמד. דערנאך האט ער שוין געקענט לערנען מער - מצרף זיין צוויי ווערטער צוזאמען. רעד איך דא פונעם גודל האמת (זיינער) א געוואלדיגער איש אמת געווען.

(השואל: ער איז געווען עלטער פון אייך?) **יא יא, אוודאי.**

איך געדענק, ווען ער איז נפטר געווארן איז עפעס נישט געווען ווער עס זאל אים אראפנעמען אין דער קרקע, געדענק איך - האב איך אים דעמאלט אראפגענומען. האב איך אים אריינגערוימט אין אויער אריין אז ער זאל גיין צום רבי'ן.

דער עיקר איז, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל נקבע ווערן דער אמת - דער רבי איז אמת, און דעם רבי'נס ספרים זענען אמת, און אז מען רעדט פונעם

---

[מו] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קי"ח: "**כשלומד איזה דבר, טוב לפרש הדבר בלשון אשכנז שמבין, [והוא טובה להעולם]**" וכו', עיי"ש.

רבי'ן - רעדט מען אויך דיבורי אמת. דער רבי מיט רבי נתן איז דאך איין זאך. נו, רעדן צום אויבערשטן דיבורים איז אוודאי אמת - איז אלץ אמת, אמת!

רבי נתן זאגט דאך אין א מכתב[מז]: "פלטין של אמת!" (ר' נחמן: "הנבנה על ידי אמת"!) יא; דעם רבי'נס זאך איז אמת.

(השואל: ער האט געמאכט א ברסלב'ער חדר - ר' הערשל?) **יא.**

(השואל: ער איז געווען א בעל תשובה הייסט עס?) **אוודאי! ער איז געווען אזא מין ווערטל-זאגער אין טעפליק – א געוואלד! טעפליק איז געווען א שטאט פון לצים. ער האט גע'שמ'ט אין טעפליק אלס דער ווערטל-זאגער. נאכדעם איז ער געווארן א ברסלב'ער חסיד – אַה!**

(השואל: ער איז אריבער וואוינען קיין אומאן?) **יא, ער האט געוואוינט אין אומאן. ער איז געווען א שניידער פריער. ר' אברהם'ס ערשטער איידעם – ר' יעקב משה[מח], איז דאך גע'הרג'עט געווארן, איז ער** (ר' הערשל) **געווארן זיין איידעם** (בזיוו"ש) **- א טאכטער האבן זיי געהאט.**

(השואל: ער איז געווען א חב"ד'סקער אביסל?) **ניין - ער איז געפארן מאכן דארטן דעם חדר, ער איז געווען אין לענינגראד** (- פעטערבורג) **ביי דעם ליבאוויטשער.** (ר' משה: דער מהריי"ץ?) **ביי דעם פריערדיגן. ער האט אים אויפגענומען זייער שיין, ער האט**

---

[מז] בעלים לתרופה יום ו' ויגש שנת תקפ"ו: "אם תרצה נקודת האמת, אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה, **תבקש האמת בהפלטין של אמת, הנבנה על ידי אנשי־אמת, על ידי בעל אמת**, אז תבין יראת ה' ודעת אלקים תמצא. ובוודאי אתה יודע ומבין את אשר אני מרמז לך, כי ענין הפלטין של אמת מבואר מעט בסוף הסיפורי מעשיות, אך באמת אין אתה יודע כלום...".

[מח] עי' שיש"ק ח"ד, שצ"א: "רבי יעקב משה מטשעהרין, היה חתנו של רבי אברהם שטערנהרץ, ונרצח בעת עמדו במשמר העיר במקומו של רבי אברהם, שהיה צריך הוא לעמוד במשמר באותו לילה, ורצה לכבדו ולהקל מעליו, ובאותו לילה רצחוהו הפורעים הבאנדיס, הוא היה אברך יקר וצדיק. זוגתו מרת חנה נשאה אחר כך לרבי הירש מטעפליק, המכונה "הערשל טודרוס" שהיה איש כשר ועובד ה' גדול. אף הוא נפטר בטשעהרין צעיר לימים".

גערעדט פונעם רבי'נס זאך - שיין אויפגענומען. הכלל, ער האט אים זייער מקרב געווען[מט].

❖ ❖ ❖

## אסף אסיפם

אז מען קומט זיך צונויף – אסאך מאל דארטן ביי די גרויסע שרים ווען מען ענדיגט אן אסיפה און עס איז נאכנישט געענדיגט, בעט מען עפעס א טאג ווען מען וועט זיך נאכאמאל צונויף קומען. "אָסֹף אֲסִיפֵם נְאֻם ה'"[נ] - די אסיפה (ברענגט) נאכאמאל אן אסיפה. אונזערע לייט פלעגן תמיד זאגן אזוי: "אסף אסיפם".

(ר' נחמן: דאס הייסט, אזוי דארף זיין ביי אונזער זאך?) **יא - אזוי דארף זיין, אז מען קומט זיך צונויף - דארף מען ענדיגן: 'נאכאמאל צום ווידער זעהן!'**[נא]

❖ ❖ ❖

## "דע, שיש קבלה בידי"

(ר' נחמן: רבי יודל פלעגט דאווענען אויך מיט קולות?) **ניין.**

---

[מט] עי' שיש"ק שם, תקמ"ו: "ר' הערשל היה אדם פשוט ותם, והצליח לקרב הרבה לאנ"ש, כי האנשים היו מתפעלים מתמימותו, וכשביקר פעם אצל הרב יוסף יצחק מליובאוויטש זכרונו לברכה התפעל אף הוא ממנו".

[נ] ירמי' ח, יג.

[נא] עי' חיי מוהר"ן, קס"ז: "שנת תקס"ח אחר סכות נסע ללעמברג בחפזון גדול ו רדפתי ורצתי אחריו עד קראסנע, אז ענה ואמר לי (**מיר וועלין זיך זעהן און זעהן און זעהן**) [אנו נתראה ונתראה ונתראה] וכפל הדבר כמה פעמים".

(ר' נחמן: רבי שמואל אייזיק איז געווען זיינער א תלמיד) **יא - פריער; זיי זענען געווען אלע דאשובער, זיי זענען אלע געווען רבי יודל'ס תלמידים - ער איז געקומען מיט אלעמען[נב].**

**און רבי לייב סטראטיניצער** (חותנו של רבי יודל) **האט געהאט נאך זין אויך - און זיי זענען מקורב געווארן צום רבי'ן.**

**ביי די תורה פון "דע כי יש קבלה בידי"** (תורה צ"ו) **- האט ער געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל 'מֵשים לב' זיין צו זיינע קינדער.**

(פותח "פרפראות לחכמה" סי' צ"ו וקורא:) **"ומה שכתב שם: דע כי יש קבלה בידי" וכו'. דער זאך האט מודיע געווען הצדיק הקדוש וכו' כמוהר"ר ר' לייב ז"ל מטראסטענעץ אחר פטירתו בעת שבא אל רבינו ז"ל לבקש ממנו שיקרב את בניו וכו' ויש בזה סיפר נפלא ויבואר במקום אחר".**

(ר' נחמן: "וכן הוה") **עס שטייט נישט "וכן הוה"**[נג] (- אין פרפראות). **ער איז געקומען פון עולם העליון - פון דער אמת'ער וועלט, בעטן דעם רבי'ן דער רבי זאל מקרב זיין 'בניו'.**

(ר' נחמן: רבי לייב האט דאך עפעס געזאגט בשעת מעשה, אז רבי נחום'ען -) **יא יא**[נד]**: "איך האב מיטגענומען מיט זיך אלעס, איך האב זיך גארנישט געלאזט, בעט איך - זייט מקרב מיינע קינדער צו אייך!".**

---

[נב] עי' תוכן הסיפור בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן י"ט-כ"ג.

[נג] אבל עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן כ"ג: "אמר המעתיק שמעתי שהצדיק רבי לייב מסטרעסטינעץ ז"ל בא אחר הסתלקותו לאדמו"ר זצ"ל וביקש אותו שיקרב את בניו, **וכן הוה** שנתקרבו כמעט כל בניו לאדמו"ר זצ"ל".

[נד] עי' טעם זקנים קונטרס כ"ג: אזוי האט געזאגט רבי לייב צום רבי'ן דעמאלט: "**רבי נחום** (טשערנאבילער ז"ל) **האט מיטגענומען מיט זיך דעם קרן - און די פירות האט ער געלאזט דא - האבן זיינע קינדער גדולה! איך האב מיטגענומען אלעס, וועלן מיינע קינדער נישט האבן קיין גדול - זאלט איר זיי מקרב זיין צו זיך!**".

פון דעם אליין קען מען פארשטיין דאס גרויסקייט פונעם רבי'נס זאך: א צדיק פון עולם העליון, ער איז שוין אין עולם האמת - און דעמאלט איז געווען אסאך צדיקים.

רבי לייב איז נסתלק געווארן ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל[נה], ער איז נסתלק געווארן אויפן שיף, ער ליגט דארטן אינמיטן וועג אין אן ארט. איך ווייס נישט וואספארא יאר ער איז נסתלק געווארן.

"וכן אירע בזמנינו בסמוך" – זאגט דער רבי[נו], דער רבי מיינט דארט - רבי לייב'ן. פריער זאגט דער רבי: "ומזה היה הסתלקות צדיק גדול מאד" - מיינט ער, רבי נפתלי (כ"ץ, בעל הסמיכת חכמים).

❖ ❖ ❖

## מען דארף זיין שטארק!

די משולחים וואס זענען געקומען דארט קיין איסטאנבול - זיי האבן דאך געוואוסט פונעם רבי'ן, זיי האבן דאך געפרעגט (דעם רבי'נס באגלייטער:) 'צו האסטו געפרעגט דיין רבי'ן [- רבי נחמן ממעדוועדיווקע] צו פארן?'[נז]. האט ער געזאגט: יא, איך האב געפרעגט.

---

[נה] עי' חיי מוהר"ן אות תרי"א.

[נו] בליקוטי מוהר"ן, סי' רי"ח: "דע שלפעמים כשנגזר על האדם, חס ושלום, איזה גזירה, 'ואף על גב דאיהו לא חזי מזליה חזי' (מגלה ג): ומחמת זה רוצה להסתיר את עצמו, ומזה בא שלפעמים פתאום האדם נוסע לאיזה מקום רחוק זהו כדי להסתיר את עצמו, ואף על פי שהוא אינו יודע מזה, עם כל זה הנפש יודעת מזה על כן בא לו רצון לנסוע לשם ולפעמים כשבא לשם הוא נתפרסם שם ביותר, ואז יוכל להזיק לו מאד, חס ושלום, **ומזה היה הסתלקות צדיק גדול מאד שפתאום רצה לנסוע לארץ ישראל**, והוא היה בעצמו יודע מזה שהיה צריך להסתיר את עצמו ונסע על המדינה והיה פרסום גדול, ונסתלק באותו הדרך, **וכן אירע בזמנינו בסמוך** השם יצילנו".

[נז] שבחי הר"ן חלק שני, אות ט'.

דער רבי איז שוין דעמאלט געווען (מפורסם). לפי חשבון איז דעמאלט דער רבי אלט געווען, זעקס-און-צוואנציג יאר, אבער דער רבי איז שוין געווען ידוע'דיג מען האט שוין געוואוסט פון אים.

(ר' חיים שלמה: זיי האבן געהאלטן פון רבי'ן, מען זעהט אז זיי האבן געזאגט פארן רבי'ן אז ער רעדט בלשון גדולות - אזוי ווי רבי נחמן (- רבינו), און רבי שלום שכנא מפראהביטש) **יא יא**[נח].

**אז מען רעדט אמאל פון רבי'נס גרויסקייט – עס קומט אויס א געוואלד! פון איין זייט - א שמחה א גרויסע, און צוריק ווידער: געוואלד, געוואלד - מען שטייט ביי אזא מין אוצר, ביי אזא מין אמת - פארוואס שעפט מען נישט? פארוואס נעמט מען נישט? שעפ, נעם נאך א טראפ, נאך א טראפ, נאך א טראפ.**

(ר' חיים שלמה קורא במכתבי ר' נתן בר"י מיום י' למספ"י תרמ"ג: "רביז"ל שעה אחת קודם הסתלקותו עשה אגרוף ונענוע עמו בחוזק להראות שהוא בעל מלחמה ברוחניות בגשמיות"[נט]. דער רבי האט געמאכט אזוי מיט דעם האנט?) **יא, מען זאל זיין שטארק, מען דארף זיין שטארק, מען זאל נישט זיין קיין שלימזל'ניק.**

---

[נח] שם.

[נט] עי' בחיי מוהר"ן סי' רכ"ג: "סמוך להסתלקותו בעת התגברות החולאת שהיה לו והיה חלוש מאד, וכמעט שנגוע בכל עת, והיינו עומדים לפניו והוא זכרונו לברכה היה יושב על הכסא חלוש מאד והיה מיוסר ביסורים גדולים מאד. והיה מדבר עמנו בדרך קובלנא על גודל יסוריו. **בתוך כך סתם ידיו בחזקה ועשה אגרוף ונענע באגרוף ידיו בכח כאומר אף על פי כן כוחי חזק בקרבי מאד, ואי אפשר לצייר זאת בכתב. והמובן מדבריו שגם בעוצם חלישת הגוף, עדיין כוחו חזק ואמיץ, ועדיין כוחו הולך ומתגבר לגמור הכל כרצונו בעזרת השם יתברך**".

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **אפרים**
**גערליץ** הי"ו
לעקוואד יצ"ו
לרגל נישואי בתו עם החה"ח **שלמה**
במוה"ר **דוב פריעד** הי"ו מסאוט
פאלסבורג
למזל טוב

מוה"ר **ישראל נחמן**
**שימאנאוויטש** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל נישואי בתו עם החה"ח **מנחם**
**דניאל** במוה"ר **משה יחזקאל**
**ביקסנשפאן** הי"ו
למזל טוב

לעילוי נשמת האשה החשובה
מרת **רייזל** בת **ר' יעקב הכהן**
ע"ה
יארצייט ד' תמוז
נתנדב ע"י בניה משפ' לייפער שיחיו
**מוה"ר אברהם יצחק, מוה"ר ישראל**
**ישכר, מוה"ר צבי אביגדור** הע"י

לעילוי נשמת מרת **דוד**
**דוב** ב"ר **שרגא** הי"ו
נלב"ע י"ד תמוז תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת
**פראדל** ב"ר **יהודה** הי"ו
נלב"ע ה' תמוז תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן**
ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה